# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

פרשת ואתחנן תשפ"ו × **עלון 200**


## בהשגחה

### גיהנום פאר אפאר טויזנט דאלער

הרה"ק רבי איציקל פשעווארסקער זי"ע איז אמאל געזעסן ביי א מלוה מלכה אינאיינעם מיט די חסידים, אינמיטן האט ער אויסגערופן: "איך דארף וויכטיג האבן אפאר טויזנט דאלאר. ווער עס וועט מיר עס געבן, וועל איך אים אוועקגעבן מיין גיהנום."

קיינער האט נישט געצייגט קיין אינטערעסע... קיינער האט נישט געפילט אז ער דארף האבן נאך אביסל גיהנום...

פלוצלינג, האט דער חסיד ר' משה יוסף געלדציילער ע"ה זיך אנגערופן פארן רבי'ן: "רבי, איך וויל עס קויפן!" ער האט צוגעלייגט אז זונטאג וועט ער ברענגען דאס גאנצע געלט, און אזוי איז דער מקח געשלאסן געווארן.

ווען ר' משה יוסף האט געברענגט דאס געלט, האט אים דער רבי מגלה געווען אז זיין כוונה איז באמת געווען צו פארקויפן זיין גן עדן, און ער האט אים מסביר געווען פארוואס ער האט עס אנגערופן "גיהנום".

די מעשה האט זיך שנעל צעשפרייט, יעדער האט פארשטאנען אז דער חסיד האט דא געמאכט דעם געשעפט פון זיין לעבן. אסאך גבירים זענען געקומען צו ר' משה יוסף און אים געבעטן אז ער זאל עס זיי פארקויפן פאר מיליאנען, אבער ער האט נישט געוואלט הערן. ער האט גוט פארשטאנען אז דאס איז א זאך וואס לוינט זיך נישט אוועקצוגעבן פאר קיין געלט אין די וועלט.

זיין אייניקל, הר"ר נפתלי גראס שליט"א, האט מיר דערציילט די מעשה און צוגעלייגט, אז ער האט אמאל געפרעגט זיין זיידע: "וויאזוי האסטו פארשטאנען אז דער רבי מיינט באמת גן עדן?"

האט אים דער זיידע געענטפערט: "איך האב נישט פארשטאנען. אבער איך בין געווען זיכער, אז דער רבי האט ליב א איד, און ווען ער טראגט אן פאר א איד א געשעפט, איז עס זיכער א גוטע זאך. ער וועט מיר נישט פארקויפן עפעס שלעכטס... עס האט מיר בכלל נישט אויסגעמאכט פונקטליך וואס ער פארקויפט..."

אלעס ווענדט זיך ווי שטארק די מענטש האט אמונה אין די גוטסקייט פון דער וואס גיבט אים.

מיר זענען זיכער אין די גוטסקייט פונעם אייבערשטן, ער איז אונזער טאטע און ער האט אונז ליב אין יעדן מצב און אין יעדע צייט. אלעס וואס ער האט אונז געגעבן און ער גיבט אונז ווייטער, צי עס זעט אויס ווי גן עדן אדער חלילה ווי גיהנום - איז זיכער עפעס וואס איז גוט פאר אונז.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

### די אויגן געווענדן נאר צום באשעפער

**פארוואס האט דער הייליגער 'מגלה עמוקות' באשלאסן צו בלייבן אין קראקא?**

די פלוצלינגדיגע מעלדונג פונעם גאון וקדוש רבי נתן נטע שפירא זצ"ל, דער בעל 'מגלה עמוקות', איז געפאלן אויף די קראקא קהילה פירער ווי א דונער אינמיטן העלן טאג.

"איך וויל איבערלאזן מיין פאסטן אלס שטאטס-רב און זיך אריבערציען צו אן אנדערע שטאט. איך האב א ספעציעלע פריוואטע סיבה דערצו!"

די עסקנים און ראשי הקהילה זענען געווען שאקירט פון די דראמאטישע נייעס. אין אנהייב האבן זיי פרובירט צו משפיע צו זיין אויפן רב ער זאל טוישן זיין מיינונג, אבער דער רב איז געבליבן ביי זיין באשלוס און אלע תחנונים האבן גארנישט געהאלפן.

עטליכע טעג זענען אריבער, און דער הייליגער 'מגלה עמוקות' האט ווידער גערופן די ראשי הקהילה. דאס מאל האט זיין פנים געלויכטן מיט א געוואלדיגע שמחה, און ער האט זיי געמאלדן מיט התרגשות:

"מיינע טייערע קינדער, איך האב מחליט געווען צוריקצוציען פון מיין פלאן און איך וועל יא בלייבן מיט אייך דא אין קראקא. איך וועל נאך פילע יארן זיצן צוזאמען מיט אייך דא, להגדיל תורה ולהאדירה!"

די שמחה ביי די אידן אין שטאט איז געווען אומבאשרייבליך. די בשורה האט זיך צעשפרייט בליץ-שנעל: דער רב בלייבט אין שטאט און וועט ווייטער פירן די קהילה מיט זיין געהויבענע הנהגה!

זענדיג די גרויסע וואונדער ביי די שטאט לייט איבער דעם פלוצלינגדיגן טויש, האט דער רב זיי אנטפלעקט זיין סוד:

"איך וועל אייך זאגן וואס עס איז געשען: אין אנהייב בין איך געווען איבערצייגט אז איך מוז פארלאזן די שטאט צוליב א געוויסע סיבה. אבער דאן איז פארגעקומען ביי מיר א דין- תורה-, און דאס האט מיר געמאכט טוישן מיין מיינונג!"

מיט דריי חדשים צוריק, איז ר' טוביה דער גביר געגאנגען אין מארק איינקויפן. פלוצלינג באמערקט ער ר' מאיר, איינער פון די גרעסטע תלמידי חכמים אין שטאט, זיצן הינטער א טישל מיט פרישע ברויט און ער פארקויפט פאר די דורכגייער.

"ר' מאיר?! וואס טוט איר דא?!" האט דער גביר אויסגערופן מיט וואונדער. "אייער פלאץ איז דאך אין בית המדרש! פארוואס פארשווענדט איר אייער טייערע צייט מיט מסחר?"

ר' מאיר האט אראפגעלאזט זיין קאפ מיט בושה און ערקלערט אז צוליב זיין שווערע פינאנציעלע מצב איז ער געצוואונגען צו פארקויפן ברויט אויף צו קענען שפייזן זיין משפחה.

"הער מיר גוט אויס, ר' מאיר," האט ר' טוביה געזאגט: "גיי צוריק אין בית המדרש עוסק זיין אין די הייליגע תורה, און פון היינט און ווייטער נעם איך איבער די גאנצע אחריות פון אייער פרנסה. איך וועל אויסהאלטן אייך און אייער גאנצע משפחה, אבי איר זאלט קענען לערנען מיט התמדה!"

ר' מאיר האט זיך זייער געפרייט

<<<

## צוואנציג מינוט ווארטן

**ר' דוד בערקאוויטש פון בני ברק דערציילט:**

ביי אונזער משפחה, איז א צייט א צייט. אבער אויף אן עקסטרעמען פארנעם.

אזוי איז עס ביי חתונות, ביי שבע ברכות, ביי א ברית, א בר מצוה, און אפילו ביי א יארצייט. יעדער קומט אן אין צייט, מען ווייסט ווען עס ענדיגט זיך, און מען האלט זיך צום סקעדזשועל. קיין שום טייערע מינוט ווערט נישט פארשווענדעט, נישטא קיין ענדלאזע ווארטענישן, מען ווארט נישט ווייל יענער ווארט אויף דעם וואס מען ווארט אויף אים... פשוט און באקוועם.

פארן לעצטן יארצייט פון מיין זיידן, איז די מעלדונג געווען קלאר ווי תמיד: צוויי אזייגער פונקטליך הייבט מען אן זאגן תהלים. עס איז געווען פשוט אז יעדער וועט זיך ארגאניזירן און אנקומען צום בית החיים אין קרית שאול. דארט, אינעם תל אביב'ער בית החיים, אין די חלקה פון די פרומע אידן, ליגן חשוב'ע און ערליכע אידן - געררער חסידים, סאטמארער חסידים, און נאך. אונזער זיידע ע"ה ליגט צווישן די אלע טייערע מסירות נפש אידן וואס האבן געהאט צוריק אויפגעבויט די חורבנות אין די שווערע טעג נאכן חורבן, און אזוי געהאלפן צום המשך פון כלל ישראל.

מיר זענען דארט געווען, וואס דען? א צייט איז א צייט. מען האט געזאגט צוויי, איז עס צוויי. עס איז נאך קיינמאל נישט געשען אז דער זייגער זאל לויפן שנעלער ווי אונזער חשוב'ע משפחה - א משפחה וואס ווייסט וויאזוי אפצושאצן די קליינע מינוטן פון דאס לעבן, און צו אפגעבן כבוד פארן אנדענק פונעם זיידן וואס האט אריינגעבאקן אין אונז דעם דאזיגן וויכטיגקייט. פאריאר האט מען אנגעהויבן פונקטליך אינעם באשטימטן צייט, און אזוי אויך א יאר בעפאר, און נאך א יאר בעפאר.

למעשה - ווי אומשטייגערליך דאס הערט זיך ביי אונזער משפחה - זענען צוואנציג מינוט אריבער מיט ווארטן, ערשט צוואנציג נאך צוויי האבן מיר אנגעהויבן זאגן תהלים.

ווען מיר האבן שוין כמעט פארלאזט דעם בית החיים, האבן זיך באוויזן פיר מענטשן פאר אונזערע אויגן וואס זענען געקומען צו אונזער ריכטונג. דאס זענען געווען צוויי מענטשן פון די חברה קדישא וואס האבן געפירט א מטה, און נאך זיי זענען געגאנגען צוויי פרויען, איין עלטערע און איין יונגערע. די סצענע איז געווען זייער מאדנע. ס'האט אונז גענומען א רגע צו כאפן אז דאס וואס מיר זעען איז גאר א לוי'. אן ארימע קליינע לוי'.

די חברה קדישא לייט האבן אונז געבעטן מיר זאלן זיך צושטעלן צו זיי. זיי האבן אפגענומען די נפטרת פונעם נורסינג האום (עלטערן היים) וואו זי האט געוואוינט. דאס איז געווען אן עלטערע פרוי, איבער די ניינציג יאר, וואס איז נפטר געווארן. די איינציגע מלווים וואס זענען געקומען זענען געווען די סאמע איינציגסטע מענטשן אויף דער וועלט וואס האבן געהאט עפעס שייכות מיט איר - איר איינציגע טאכטער, און דער לויער וואס האט געפירט די פינאנציעלע ענינים פון די נפטרת. דאס איז עס. קיין אנדערע מענטשן האבן נישט געהאט קיין שום סיבה צו קומען.

לכאורה, אין אזא מצב, וואלט די פרוי באגראבן געווארן אן קיין קדיש און אן קיין מנין.

אבער דער רבונו של עולם מיט זיין גרויס רחמנות האט שוין פון פריער צוגעגרייט א מנין פאר איר, און האט פארשפעטיגט אונזער פאמיליע וואס איז שטענדיג פונקטליך מיט גאנצע צוואנציג מינוט, כדי מיר זאלן קענען באגלייטן א בת ישראל אויף איר לעצטן וועג, זי זאל באקומען דעם כבוד האחרון מיט א מנין ביי איר קבר, מ'זאל זאגן קדיש נאך איר, און מ'זאל ענטפערן "אמן".

ווי שטארק דער אייבערשטער היט אויפן כבוד פון א אידישע נשמה!

## <<< המשך השגחה עליונה

און איז גלייך געלאפן אין בית המדרש און אנגעהויבן לערנען מיט א געוואלדיגע חשק.

צייט איז אריבער, און איין אינדערפרי איז ר' טוביה איבערראשט געווארן נאכאמאל צו זען ר' מאיר שטיין אין מארק און פארקויפן ברויט.

ער האט אים גלייך גערופן צו א דין תורה ביים רב.

"רבי! מיר האבן געהאט א קלארן אפמאך אז ער וועט זיצן און לערנען, און איך וועל אים אויסהאלטן. צו מיין גרויסע שאק האב איך אים געטראפן זיצן אין מארק און פארקויפן ברויט פונקט ווי אמאל. וויאזוי האט ער געקענט ברעכן דעם אפמאך?"

יעצט איז געקומען די רייע פון ר' מאיר פארצולייגן זיין טענה:

"חשוב'ער רב! די ווערטער פון ר' טוביה זענען אמת ויציב. ער האט מיר געשטיצט מיט א ברייטע האנט און איך האב געקענט זיצן און לערנען אן קיין דאגות. אבער איך האב מחליט געווען צוריקצוציען פונעם אפמאך ווייל איין זאך האט מיר געפעלט! ווען איך האב געארבעט פאר פרנסה, פלעג איך באקן ברויט א גאנצע נאכט; ווען איך פלעג מאלן די ווייץ, פלעג איך מתפלל זיין צום באשעפער אז דאס מעל זאל זיין גוט; ווען איך האב געקנאטן די טייג, פלעג איך בעטן מיט טרערן אז עס זאל גוט יערן; ווען איך האב געדארפט האלטן פארן אויוון, פלעג איך בעטן פון טיפן הארצן אז דער באשעפער זאל מיר שיקן גוטע האלץ; און אפילו ווען דאס ברויט איז שוין געווען אינעם אויוון, האב איך ווייטער מתפלל געווען.

די גאנצע צייט האב איך געפילט ווי איך בין אנגעוויזן אינעם רבונו של עולם. איך האב נישט אויפגעהערט צו בעטן אויף זיין הילף. אבער יעצט, ווען איך האב די שטיצע פון ר' טוביה, פעלט מיר דאס דאזיגע געפיל, עס פעלט מיר די ידיעה אז איך געפין זיך בלויז אין די הענט פונעם באשעפער!"

האט דער 'מגלה עמוקות' אויסגעפירט:

"א שטאט וואו עס קומען פאר אזעלכע סארט דין תורה'ס, וויל איך בשום אופן נישט פארלאזן!"

## ⁎ סימפל! ⁎

**הגה"ח ר' שמואל שטיינהארט פון מאנטשעסטער פארציילט:**

מיין גוטע קאמערא איז פארלוירן געגאנגען. נאכן זוכן א שטיק צייט, האב איך איינגעזען אז ס'איז נישטא קיין טשאנסן עס צו געפינען, און איך האב אנגעהויבן זוכן צו קויפן א נייע קאמערא. איך האב געהאפט אז איך וועל קענען געפינען א גוטע געניצטע קאמערא וואס איינער וויל פארקויפן צווייטהאנטיג, ווייל א נייע קאמערא איז נישט קיין ביליגע זאך.

איין אינדערפרי בין איך געגאנגען דאווענען שחרית אין בית המדרש, און פארן דאווענען האב איך א קוק געטון אויפן לוח המודעות ביים אריינגאנג. פלוצלינג זע איך דארט די קליינע מודעה וואס איך האב געזוכט: "א געניצטע קאמערע צו פארקויפן!"

איך האב זיך גלייך פארצייכנט דעם נומער, און דערנאך בין איך געגאנגען דאווענען.

נאך שחרית האב איך גערופן דעם נומער וואס איך האב פארצייכנט. איך האב זיך נאכגעפרעגט איבער די קאמערא, געפרעגט שאלות, און באקומען תשובות. נאך עטליכע מינוט האב איך זיך דערמאנט אז איך דארף נאך עפעס פרעגן, און איך האב נאכאמאל געריפן. איך האב זיך גוט דורכגערעדט ביז איך בין איבערגעגאנגען צום נעקסטן שטאפל און געבעטן עס צו קומען זען מיט די אייגענע אויגן. איך האב געפרעגט דער מוכר וואו ער וואוינט און ווען איך קען קומען, און איך האב באקומען א תשובה אויף דעם אויך.

דער נעקסטער טעלעפאן קאל איז געווען פונעם מוכר. ער זאגט מיר - מיט הנאה אויף זיין הצלחה און מיטלייד אויף מיין אנטוישונג - אז די קאמערא איז שוין פארקויפט געווארן. די גאנצע צייט וואס איך האב משקיע געווען אין זיך נאכפרעגן אויפן קאמערע, זענען סתם געגאנגען לאיבוד אינאיינעם מיט די פארלוירענע קאמערא..

ערשט האב איך טאקע געפילט א שוואכע אנטוישונג, אבער באלד דערויף האב איך שוין געדאנקט דעם אויבערשטן פאר די לעקציע וואס ער האט מיר געלערנט. איך האב פארשטאנען אז דאס וואס איך האב נישט מצליח געווען איז צוליב דעם וואס איך האב אפגעשריבן דעם נומער פארן דאווענען. דאס איז געווען א טעות פון מיין זייט, ווייל מען טאר זיך נישט פארנעמען מיט פריוואטע געברויכן פארן דאווענען.

דער אויבערשטער האט מיך אזוי ליב! דורך דעם וואס איך האב נישט געקויפט די קאמערא, האב איך זוכה געווען צו כאפן די מכשול וואו איך בין דורכגעפאלן, זיך אפצולערנען למעשה דעם מוסר השכל, און זיך צו פארנעמען אויף ווייטער צו זיין פאריכטיג נישט עוסק צו זיין אין קיין שום ענין וואס באלאנגט נישט צום דאווענען פארן דאווענען.

שפעטער האט מיר דער אויבערשטער צוגעשטעלט א אנדערע קאמערע: נישט פאר האלב פרייז, און נישט פאר א דריטל, נאר אינגאנצן בחינם. אבער דאס איז שוין א זייטיגע נקודה פון די מעשה...

<<<



## ⁎ הרה"ח ר' דוד קלעצקין שליט"א ⁎

### פשוט גלייבן

אין תהלים (ק"ו, כ') ווערט באשריבן דער חטא העגל. דער 'נעים זמירות ישראל' דרוקט זיך אויס אז כלל ישראל האט פארביטן זייער כבוד - דעם מלך העולם - פאר א געשטאלט פון אן אקס וואס עסט גראז.

זיי האבן גענומען דאס מערסטע געהויבענע און הייליגע זאך, און עס אויסגעטוישט פאר אן אקס וואס זיין גאנצע מהות איז נאר צו פרעסן גראז! קען מען דאס בכלל צוגלייכן?! איז מעגליך צו מאכן אזעלכע נארישע און פוסטע טוישן?! דאס איז דער משל וואס דער בעל 'חובות הלבבות' ברענגט ארויס אויף מענטשן וואס וועלן ענדערש אויסקלייבן צו טראסטן אין א בשר ודם אנשטאט אינעם באשעפער אליין, וואס זיין השגחה באגלייט אונז אויף יעדע טריט און שריט.

אין אן אנדערע פסוק (תהלים מ', ה') לויבט דוד המלך אויס די מענטשן וואס פארלאזן זיך נאר אויפ'ן אייבערשטן, און זיי קערן זיך נישט צו קיין ליידיגע צוזאגן, אדער צו סתם בעל דמיונות וואס זייער סחורה באשטייט בלויז פון פוסטע דעקלאראציעס אן קיין דעקונג.

דער נביא ירמיהו (י"ז, ה'-ח') ווארנט זייער שארף פאר די וואס פארלאזן זיך אויף א 'זרוע בשר', אויף זייער אייגענע כח און גבורה; ער רופט זיי אן מיט'ן טיטל "ארור" - פארשאלטן, און ער זאגט אויף זיי אז זיי האבן זיך אפגעקערט פונעם באשעפער. נישט מער און נישט ווייניגער.

פון דער אנדערער זייט, ברענגט רבנו בחיי פונעם נביא ירמיהו די גרויסע מעלה פון לייגן די בטחון אויפן ריכטיגן פלאץ: "ברוך הגבר", זאגט דער נביא. א מענטש וואס גלויבט אינעם באשעפער איז שוין געבענטשט, ער דארף נישט יעדעס מאל באזונדער א נייע ברכה, ווייל ער געפינט זיך שוין אויטאמאטיש אין א מצב פון 'ברוך'.

נאך מער פון דעם: נישט נאר ער איז געבענטשט, נאר ער באקומט אויך די זכיה אז דער אייבערשטער באשיצט אים. ער האט אויף ועמען זיך פארלאזן.

דער ווילנא'ער גאון זאגט א געוואלדיגע בחינה אויף דעם פסוק: עס איז דאך באקאנט אז אין תנ"ך איז נישט דא קיין שום גראמאטיק גרייזן, און אויב עפעס שטימט נישט לויט די כללים - מוז זיין דערויף א טיפע הסבר.

לויט די מסורה, א ווארט וואס שטייט ביים סוף פון א פסוק וואס האט א טעם 'אתנחתא', דארף מען עס ליינען מיט א 'קמץ'. אבער דא אין דעם פסוק אין ירמיהו, איז דאס ווארט "מבטחו" געשריבן מיט א 'פתח'. דער ווילנא גאון מיינט צו זאגן דא עפעס מורא'דיג: ווען א מענטש פארלאזט זיך אויפ'ן באשעפער, און דער באשעפער באצאלט אים און פילט אויס אלע זיינע באדערפענישן, קען דאס נישט זיין מיט א 'קמץ' - וואס מיינט צוזאמגעצויגן!

דער אייבערשטער גיבט מיט א ברייטע האנט, און מיט שפע. דאס ווארט "מבטחו" ווערט נישט געקליינט מיט א קמץ - עס מוז האבן דעם 'פתח', כדי אונז צו דערמאנען די גרויסע ברכה וואס די וואס גלייבן אינעם באשעפער באקומען.

## א שפיץ-פאדעם אין כמעלניק

**הרה"ח ר' ישראל מאיר גבאי שליט"א האט דערציילט:**

דער געשיכטע פונעם בית החיים אין כמעלניק איז א טרויעריגע. די רשעים ימח שמם האבן עס חרוב געמאכט, די מצבות זענען פארשוואונדן געווארן, און אין אזא צושטאנד איז געבליבן די ביה"ח וואו אידן ליגן באגראבן, צווישן זיי באקאנטע צדיקים וחסידים. איך האב געוואוסט דעם פלאץ פונעם ציון פון דעם הייליגן צדיק רבי אברהם דוב פון כמעלניק זכר צדיק לברכה. ער איז געווען א תלמיד פונעם בעל שם טוב הקדוש, און איז געווען דריי מאל א מחותן מיט די אייניקלעך פונעם בעל שם טוב. ער האט אויך געהאט א שייכות צום הייליגן 'תולדות יעקב יוסף' פון פולנאה: טייל זאגן אז ער איז געווען זיין איידעם, און טייל זאגן זיין אייניקל. ער איז געווען גאר א גרויסער צדיק, און ס'וואלט געווען פאסיג אויפצושטעלן אויף זיין ציון א גרויסע פראכטפולע מציבה לזכרון עולם וואס זאל פאסטן פארן כבוד פון דעם גרויסן צדיק, און וואס זאל איינוועגס אויך זיין א סימן פאר די מענטשן וואס קומען זיך אויסבעטן ביי זיין ציון פאר ישועות.

איך האב שטארק געוואלט שטעלן א מצבה אויף זיין קבר, אבער איך האב נישט געהאט קיין שום צוטריט צום בית החיים. כדי צו טון אזא זאך דארף מען האבן רשות פונעם מעיאר און א טעכנישע ווע אריינצוגיין אין דעם שטח. א שולע וואס געפינט זיך דארט מאכט די זאך נאך שווערער.

אבער איך האב נישט אויפגעגעבן. שוין איבער דרייסיג יאר וואס איך זוך א וועג וויאזוי אנצוקומען אינעווייניג אין די בית החיים, און אוועקצושטעלן דארט א מצבה.

פיר יאר צוריק, ביי איינע פון מיינע רייזעס קיין אוקריינע, בין איך געזעסן ביי א שבת'דיגע סעודה מיט א איד פון קאווקאז. ער איז געווען אן עלטערער בחור אין די פופציגער יארן, א וואנדערער איבער דער וועלט. ער האט שוין געהאט געוואוינט אין ארץ ישראל און דערנאך צוריקגעקומען, ער האט אויך געוואוינט אין קיעוו פאר א שטיק צייט.

ווי ס'פירט זיך ביי אידן, האב איך אים געפרעגט וויאזוי ער הייסט און פון וואו ער קומט. בכלל גלייך איך צו קענען מענטשן; יעדער מענטש טראגט מיט זיך אן אוצר פון וויסנשאפט. א איד פון בני ברק ווייסט זאכן וואס א ירושלימ'ער איד ווייסט נישט, און א איד פון מעזשיבוזש ווייסט דעטאלן וואס קיין איין אייננוואוינער פון בארא פארק קען זיך נישט פארשטעלן... ביי מיר איז יעדער איד א באהאלטענער אוצר וואס קען העלפן מיט זיינע ידיעות, ספעציעל אין דעם ענין וואס איך ארבעט אזוי שווער: טרעפן און איבערמאכן קברי צדיקים.

האב איך אים געפרעגט: "פון וואו קומט א איד?"

האט ער מיר געענטפערט: "איך וואוין אין כמעלניק".

"כמעלניק!" האב איך אויסגערופן מיט איבערראשונג. ער האט דארט געוואוינט בלויז עטליכע חדשים, אבער דאס האט נישט אויסגעמאכט פאר מיין ציל. "אפשר קענסטו מיר העלפן באקומען א פערמיט (ערלויבעניש) פונעם מעיאר אין כמעלניק אויפצושטעלן א מצבה פאר רבי אברהם דוב?"

ער האט נישט ממש פארשטאנען פון וואס איך רעד, האבן מיר אפגעמאכט אז נאך שבת וועלן מיר פארן אינאיינעם צו יענעם שטאט. און איך וועל אים ווייזן פונקטליך וואו דער קבר געפינט זיך און ערקלערן וואס מ'דארף צו טון.

מיר זענען געפארן, איך האב אים אלעס געוויזן, און ער האט געזאגט אז ער וועט פרובירן צו טון וואס ער קען.

איך האב נישט געוואוסט וואס צו ערווארטן פון דעם איד. ער איז געווען א שטילער מענטש, און דאס אליין וואס ער האט גערעדט מיט מיר אום שבת איז אויך נישט געווען קיין זעלבסטפארשטענדליכע זאך. אבער מ'ווייסט קיינמאל נישט פון וואו די ישועה וועט קומען.

עטליכע חדשים שפעטער האט ער מיר געקאלט און געזאגט אז ער האט געפונען א וועג.

די אידישע קהילה אין כמעלניק איז היינט שוין בכלל אינגאנצן צעפאלן. ס'זענען נאר געבליבן עטליכע עלטערע מענטשן, אבער די יונגע האבן שוין לאנג פארלאזט די שטאט. אבער ער האט זיך דערוואוסט אז ס'איז דא אן עלטערע אידישע פרוי וואס האט א השפעה ביים מעיאר, און ער האט מיר געראטן צו רעדן מיט איר. ער האט מיר געגעבן איר טעלעפאן נומער. איך האב איר געקאלט און אפגעמאכט א באזוך.

ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז די פרוי ווייסט פיל מער ווי איך האב מיר געקענט פארשטעלן. זי איז געווען פול מיט ידיעות איבער די דעטאלן. זי האט מיר געוויזן דעם צובראכענעם "אוהל" וואס האט אמאל צוגעדעקט די מצבה פון רבי אברהם דוב זצ"ל, פון וואס ס'איז נאר געבליבן חורבות. זי האט אנגעוויזן אויפן פלאץ פון א קבר אחים, וואו די איינוואוינער פון שטאט זענען אויסגעהרג'עט געווארן על קידוש השם. זי האט מיר אויך געוויזן א בנין וואס מ'ניצט היינט אלס א סאנעטאריום, וואס איז באמת געווען די אלטע צענטראלע שול פונעם שטאט.

זי האט אויך געהאט איר אייגענעם מיינונג... זי האט געזאגט אסאך זאכן וואס מ'דארף טון: מ'דארף לייגן שילדן אז דער סאנעטאריום איז אמאל געווען א שול, און מ'דארף באצייכענען דעם קבר אחים.

האב איך איר געזאגט: "מיר וועלן אלעס טון, פארשאף מיר נאר רשות אויפצושטעלן א מצבה אויפן קבר פונעם צדיק".

זי האט זיך ארייגעלייגט דערין מיט'ן גאנצן כח. זי האט געוואוסט פונקטליך וואס טוט זיך ביי די אינסטאנצן. פלענער פארן רענאווירן פונעם בית החיים זענען שוין לאנג ארייגעגעבן געווארן אבער זענען נישט באשטעטיגט געווארן, און יעצט האט זי אנגעהויבן לייגן דרוק, אפירהאלטן און זיך טענה'ן. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז זי איז טאקע געווען די ריכטיגע פערזאן, און

יעצט, פיר יאר נאכדעם וואס די ארבעט האט זיך אנגעהויבן, שטייט שוין א מצבה אויפן קבר פונעם צדיק. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

די דאזיגע מעשה גיבט מיר א שטארקע חיזוק, אז באמת איז 'אין שום ייאוש בעולם כלל'. פאר כמעט פערציג יאר האט זיך גארנישט געריהרט. מיר האבן פרובירט און פרובירט, נאר אנצוקלאפן אין ווענט - אדער בעסער געזאגט, א מאנגל אין ווענט און מצבות... און פלוצלינג שיקט מיר דער אויבערשטער א איד פון קאווקאז, וואס וואוינט אין כמעלניק פאר בלויז עטליכע חדשים, און דווקא דער דאזיגער מענטש, וואס זעט אויס שטיל און צוריקציגן, הייבט אן צו דרייען די רעדער ביז ווען מיר זענען אנגעקומען צום היינטיגן מצב.

## דער שימל איז מיר צוניץ געקומען

עס זענען אריבער עטליכע טעג זינט איך האב אנגעפאנגען שמעקן דעם גערוך פון שימל וואס קומט ארויס פון הינטערן שאפע, אבער עס האט מיך נישט געבאדערט. איך ווייס אז דאס קען ברענגען געזונטהייט פראבלעמען, אבער ברוך השם, מיר האבן נישט געפילט קיין שום ספעציעלע סימפטאמען. די בני בית האט אוועקגעשטעלט אן 'אייר פרעשנער' (לופט אויפפרישער) וואס האט איבערגעשטיגן דעם גערוך, און אזוי האבן מיר זיך אן עצה געגעבן...

די אמת'ע פראבלעם האט זיך אבער אנגעהויבן, ווען איך האב געזען אז דאס שימל גרייכט שוין די קליידער שאפע, און פון דארט ביז צו די בגדים איז א קאצן-שפרינג. דא האב איך שוין פארשטאנען אז איך מוז עפעס טון און נישטווארטן ביז דער לענדלארד (בעל דירה) וועט זיך דערמאנען, ווייל קליידער קאסטן טייער, און ס'איז א שאד עס זאל קאליע ווערן.

איך האב באשלאסן צו רוקן די שאפע. איך האב צונויפגענומען מיינע כוחות, און מיט גרויס מי' האב איך גערוקט דעם שאפע. די וואנט וואס האט זיך אנטפלעקט דארט פון הינטן האט אויסגעזען שרעקליך, אבער נישט דאס איז די עיקר פון וואס איך וויל דא היינט דערציילן, נאר ענדערש איבער וואס מ'האט געפונען אויף דער ערד: מיין ווייב'ס גאלדענע קייטל. א ספעציעלע קייטל וואס ז' האט באקומען פון איר באבע צו איר בת מצווה. א טייערע קייטל וואס פארמאגט סיי אן היוכן געלט-ווערד - וויבאלד עס איז געמאכט פון פערזן-קאראט גאלד, און אויך אן א גרויסע געפילישע ווערד - אלס פערזענליכע מתנה פון די באבע.

נעמענדיג אין באטראכט אז די דירה וואו איך וואוין איז א געדונגענע, וואלט דאך נישט געווען קיין שום אויסזיכט אז איך זאל ווענטועל סתם אזוי רוקן דעם שאפע און טרעפן דאס קייטל. דער רבונו של עולם האט געשיקט די שימל און מיר געגעבן דאס שטופ צו טון די פעולה, און אזוי איז די טייערע אבידה צוריקגעקומען.

**האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?**

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

**בריוון צו די מערכת**

**צו די חשוב'ע לייענער פון גליון "השגחה פרטית".**

איך וויל מיטטיילן א שטארקע חיזוק נקודה וואס איז אנגעקומען צו מיר בהשגחה פרטית.

אין מיין ארבעט אלס טעראפיסט, האט מיר איינער פון מיינע קליענטן אויסגעגאסן דאס הארץ איבער א סעריע עגמת נפש'ן פון דעם לעצטן חודש: א פראבלעם אינעם מאטאר פונעם פרידזשידער, א ליעק אין די וואשמאשין, א ריס אינעם פאסיק פונעם דרייער (טרוקענער)... ער ווייסט נישט וואס צו טון. זאל ער זיך מתבונן זיין פארוואס דער אויבערשטער האט אים דאס געטאן? דאנקען דעם באשעפער אז ס'איז געגאנגען אויף האלץ און שטיין? אפשר גאר בײדע?

"דאנקען דארף מען זיכער," האב איך געהאלטן. "אבער לגבי די שאלה צי מען דארף מאכן א חשבון הנפש, קען איך נישט ענטפערן אויפן פלאץ. מען דארף אריינטראכטן..."

גלייך נאך אים איז געקומען א צווייטער איד פאר א סעסיע, און ער הייבט אן מיט די ווערטער: "איך האב געהאט א מאדנע וואך. די וואשמאשין האט זיך צעבראכן, דער דרייער איז אויך געשטארבן. מיין ווייב און קינדער האבן זיך נישט גוט געפילט. האב איך צו זיך געטראכט: זאל איך נאר זאגן 'גם זו לטובה', אדער דארף איך זיך מתבונן זיין און מאכן א חשבון הנפש?"

איך בין געווען ערשטוינט. די זעלבע ווערטער און די זעלבע שאלה צוויי מאל נאכאנאנד! צו מיין איבערראשונג האט דער איד ווייטער געזאגט:

"איך האב געטראפן הרה"ג רבי יוחנן וואזנער שליט"א, ראב"ד סקווירא, און איך האב אים געפרעגט. האט דער רב געענטפערט אז בײדע וועגן זענען ריכטיג, אבער מען זאל חלילה נישט אריינגיין אין קיין פרעשור איבער די שאלה 'וואס דארף איך פאררעכטן', נאר אויב מען ווייסט שוין סיווי אז עס איז דא עפעס צו פארבעסערן, איז יעצט די צייט צו דאס טון."

איך האב געזען די יד די השגחה אין דעם וואס בײדע מעשיות זענען געשען אזוי נאנט איינס צום צווייטן, און גלייך נאך די זיצונג האב איך איבערגעגעבן די אינפארמאציע פארן פריערדיגן קליענט...

ווען איך האב געטראפן הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א, האב איך אים געפרעגט צי זיינע ווערטער זענען להלכה ולמעשה פאר יעדן איינעם און צי מען מעג דאס מפרסם זיין. דער רב האט באשטעטיגט אז יא, און צוגעגעבן: "אמאל רעקאמענדיר איך צו זוגן א קאפיטל תהילים."

זאל דער אויבערשטער העלפן יעדן איינעם צו קענען ביישטיין די נסיונות פון לעבן, זיך צו שטארקן, און דאנקען דעם באשעפער.

**בברכה מרובה**

**אהרן ישראל כ"ץ, בארא פארק, ניו יארק**

**האט איר הערות והארות? שיקט אן אימעיל צו דער מערכת.**

## פּוּנְקְט אִין דִי פַּאסִיגֶע מִינוּט

**אֶפְרָיִם פוּן מוֹדִיעִין עִילִית דֶערְצֵיילְט:**



"מֶען דַארְף אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ ווִיכְטִיגֶע קָאנְוֶוערְט צוּ פַאמִילְיֶע גְלוֹיבֶּערְמַאן אִין אוּנְזֶער גַאס, מְרוֹמֵי הַשָּׂדֶה." הָאט מַיין מַאמֶע אוֹיסְגֶערוּפְן אִין דִי לוּפְט פוּן שְׁטוּבּ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה. אִיךְ וֵייס וֶועלְכֶע גְלוֹיבֶּערְמַאן מֶען מֵיינְט. אִיךְ וֵייס אַז זֵיי וואוֹינֶען עֶרְגֶעצְוואוּ אָנְפַאנְג גַאס.

מַיין מַאמֶע הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם קָאנְוֶוערְט. אִיךְ בִּין אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג. אָנְקוּמֶענְדִיג אָנְהֵייבּ גַאס הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקְוֶוענְקְלְט. נִישְׁט גֶעדֶענְקְט. גְלוֹיבֶּערְמַאן וואוֹינֶען אִין מְרוֹמֵי הַשָּׂדֶה נוּמֶער זִיבְּן אָדֶער נַיין? אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאפְן אַ פְרוּמֶער אִיד אוּן אָנְגֶעפְרֶעגְט בַּיי אִים. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין עֶנְטְפֶער. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם בִּנְיָן נוּמֶער נַיין, עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַ אִינְגְל אוּן מִיר גֶערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט. "גְלוֹיבֶּערְמַאן אִיז נִישְׁטָא אִין בִּנְיָן נוּמֶער נַיין, אָבֶּער אִין בִּנְיָן נוּמֶער עֶלֶף אִיז דָא אַ פַאמִילְיֶע גְלוֹיבֶּערְמַאן." הָאט עֶר מִיר אָנְגֶעוִויזְן.

צוּפוּסְנְס פוּן בִּנְיָן נוּמֶער עֶלֶף בִּין אִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען מַאכְטְלָאז. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט כֹּחַ! אַזַא הוֹיכֶער בִּנְיָן, ווִי זָאל אִיךְ ווִיסְן וֶועלְכֶע שְׁטָאק זֵיי וואוֹינֶען? אִיךְ וֶועל מוּזְן אַרוֹיפְקְרִיכְן שְׁטָאק נָאךְ שְׁטָאק... זוּכְן... פְּלוּצְלוּנְג שְׁפִּיר אִיךְ אֵיינֶעם אוּנְטֶער מִיר. אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אוֹיס, ווִיל פְרֶעגְן צוּ עֶר וֵייסְט וואוּ גְלוֹיבֶּערְמַאן וואוֹינְט. אָבֶּער מַיין פְרַאגֶע אִיז אִיבֶּערִיג. קֶעגְן מִיר שְׁטֵייט דֶער טַאטֶע גְלוֹיבֶּערְמַאן.

אִיךְ הָאבּ אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי קָאנְוֶוערְט. עֶר הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְכֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אֵיינֶער זָאל מִיר צוּפִירְן צוּם פַאסִיגְן בִּנְיָן אִין דִי פַּאסִיגֶע מִינוּט, אוּן טְרֶעפְן דֶעם טַאטְן פּוּנְקְט וֶוען אִיךְ קוּם אָן.

אַלֶעס מִיט אַזַא פּוּנְקְטְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

## אַ רְפוּאָה פַאר דִי מַכָּה

**יוֹאֵלִ'י פוּן אַשְׁדּוֹד טֵיילְט מִיט:**

אִיר קֶענְט אַלֶע זִיכֶער דִי עֶרְשַׁיינוּנְג, אַז עֶמִיצֶער לֵייגְט עֶפֶּעס נִישְׁט אוֹיפְן אָרְט אוּן אַ צְוֵוייטֶער פַארְשְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט. דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט דִי פְלַאסְטֶער וֶועלְכֶע אֵיינֶער הָאט אוּמְוִוילְנְדִיג גֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְשְׁפִּילְט מִיט דֶעם פַארְטְרַאכְטֶערְהֵייט. פְּלוּצְלוּנְג אִיז מִיר גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט לוֹיפְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי פְלַאסְטֶער אִין טַאשׁ פוּן דִי הוֹיזְן נִישְׁט הָאבְּנְדִיג גֶעבְּן זִיךְ וואוּ עֶס אַרָאפְּצוּלֵייגְן, אוּן אַרָאפְּגֶעלָאפְן צוּ מַיין בָּאס.

אִין קְלַאס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַן אַייזְן אוּן עֶס הָאט גֶענוּמֶען גֵיין בְּלוּט פוּן מַיין פִינְגֶער. אִין דִי סֶעקוּנְדֶע הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דִי פְלַאסְטֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין טַאשׁ... דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיט זַיין רַחְמָנוּת צוּגֶעגְרֵייט דִי רְפוּאָה, דִי פְלַאסְטֶער פַאר דִי מַכָּה. דִי קְלַאפּ....



## אַ לִיכְטִיגֶער שַׁבָּת

**שִׁיעֶ'לֶע פְרַיינְד דֶערְצֵיילְט:**

אוּנְז הָאבְּן אַ פְרִיזְשִׁידֶער וָואס וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי טִיר צִינְדְט זִיךְ אָן אַ קְלֵיין לֶעמְפֶּעלֶע. אַ גַאנְצֶע וָואךְ הֶעלְפְט עֶס שְׁטַארְק אַרוֹיס. דֶער פְרִיזְשִׁידֶער אִיז לִיכְטִיג אוּן מֶען זֶעט גוּט וָואס עֶס לִיגְט אִינֶעוֵוינִיג. נָאר שַׁבָּת אִיז עֶס אַ פְּרָאבְּלֶעם, דֶען דִי לֶעקְטֶער אַרְבֶּעט זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. דֶער קְנֶעפְּל פוּן דִי לֶעמְפֶּעלֶע קְוֶועטְשְׁט זִיךְ אַרַיין וֶוען מֶען פַארְמַאכְט דִי טִיר. וֶוען מֶען עֶפְנְט טַאנְצְט עֶר אוֹיף אוּן צִינְדְט אָן דִי לֶעקְטֶער. קוּמְט אוֹיס אַז עֶפֶענֶענְדִיג דִי טִיר צִינְדְט מֶען אָן דִי לֶעקְטֶער, אַ מְלָאכָה וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן שַׁבָּת...

מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרָאפְן זֵייעֶר אַן אַיינְפַאכֶע עֵצָה. מֶען קְלֶעבְּט אַרוֹיף אַ שְׁטִיקְל קְלֶעבּ אוֹיפְן קְנֶעפְּל, אַזוֹי אַז וֶוען מֶען עֶפְנְט דִי פְרִיזְשִׁידֶער זָאל עֶר נִישְׁט אוֹיפְטַאנְצְן אוּן דִי לֶעקְטֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְצִינְדְן.



אֵיין וָואךְ הָאט מַיין שְׁוֶועסְטֶער בַּאמֶערְקְט אוֹיפְן עֶרְד, גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן פַאר שַׁבָּת, אַ רוֹיעֶ עֶסְנְוַוארְג וָואס אִיז מוּקְצֶה, אוּן זִי הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן עֶס שְׁנֶעל אַרַיינְלֵייגְן אִין פְרִיזְשִׁידֶער. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעיָאגְט, אוּן ווִי אִיךְ עֶפְן דִי פְרִיזְשִׁידֶער ווֶערְט מִיר לִיכְטִיג פַאר דִי אוֹיגְן. אוֹי וֵויי! מֶען הָאט פַארְגֶעסְן צוּ פַארְקְלֶעבְּן דִי לֶעקְטֶער!

אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל גֶענוּמֶען קְלֶעבּ אוּן עֶסְפִּיעֶט צוּ פַארְקְלֶעבְּן פַאר שַׁבָּת. אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט מִיט עֶקְסְטַאז אַז אֲפִילוּ אַ רוֹיעֶ עֶסְנְוַוארְג שִׁיקְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אִינְדְרוֹיסְן פוּן פְרִיזְשִׁידֶער כְּדֵי אוּנְז צוּ הִיטְן מִיר זָאלְן קֶענֶען נִיצְן פְרַיי דֶעם פְרִיזְשִׁידֶער שַׁבָּת אוּן פַארְמַיידְן הַארְץ וֵוייטָאג אוּם שַׁבָּת.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרֵיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.
און נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!
גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,
**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַארְ קִינְדֶער:**
**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**



# דֶער רִירֶנְדֶער בַּאגֶעגֶענִיש. פרק 4

אוּנְזֶער גֶעשִׁיכְטֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אִין יָאר תש"א אוּן גֶעשְׁלָאסְן פַאר גֶעצֵיילְטֶע יָארְן.

אִין לֶעצְטְן טֵייל צֶעבְּרֶעכְט יִצְחָק זַיין פוּס אוּן אִין אַ וָואךְ אַרוּם פָּארְט עֶר אַרוֹיס קֵיין צְפוֹן, אִין אַ יְשִׁיבָה, לֶערְנֶען פְּלַייסִיג, דָארְט דַארְף עֶר צוּגֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער אוּנְטֶערְזוּכְן זַיין פוּס.



# דו וועסט אויספירן דעם רצון פון דער הייליגער צדיק פועל ישועות

## רבי שלמק'ה זוועהילער זי"ע

# וואס ווארט שוין 80 יאר!!



**דער הייליגער צדיק רבי שלמקה זוועהילער זי"ע**
**האט געבעטן פון זיין מקורב ר' אליהו ראטה ז"ל:**
זיך א נדבן צו גרינדן א כולל השגחה פרטית פון 10 אידן.
**רבי שלומק'ה האט געזאגט:**
"ווער עס טוט אין השגחה פרטית זעט השגחה פרטית"
אבער דעמאלטס איז דאס נאכנישט אויסגעפירט געווארן...

**האט דער צדיק הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א געזאגט:**
"איך האב זיך געוואונדערט ווי אזוי עס קען זיין אז א רצון פון א צדיק איז נישט מקוים געווארן. אבער היינט ווען איך הער פון דעם ארגאניזאציע 'השגחה פרטית', פארשטיי איך אז קיין איין ווארט פון א צדיק גייט נישט פארלוירן."

## יעצט ליגט עס אין דיינע הענט – צו מקיים זיין די הייליגן רצון מיט נאך מער כח און שטארקייט!

**דו קענסט ווערן דער ראש כולל פון כולל השגחה פרטית,**
**און מחזק זיין צענדליגער אידן מיט די ליכט פון השגחה און אמונה שלימה.**

**השגחה פרטית**
א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **ביטחון**

א באזונדערע שליח וועט בעז"ה ארויפגיין צו זיין ציון הקדוש אויפן הר הזיתים אין ירושלים **און מזכיר זיין דיינע בקשות**

**עפן היינט נאך א כולל אין ר' שלומקע'ס וועג!**
סובסקרייבט זיך יעצט צו באקומען ביי דיר אין שטוב 10 'השגחה פרטית' גליונות יעדע וואך! **רופט יעצט:**

# 585-308-3293

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר / דאס האט נישט חשש שמות לגניזה

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**
לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com

**איר קענט אויך זיין א שותף**
**אין די גרויסע זיכוי הרבים**
רופט: 845-222-2114 תזכו למצוות.